# *YASH-יש*

*PAROLES :I. KERLER     MUSIQUE V. SHAINSKI*

*Ven ikh nem a bisele yash, oy-oy,*
*Finklt alts un glantst, (bis)*
*Kh'gib a vorf di puste flash, oy-oy.*
*Un mir gey a tants,*
*Un mir gey a tants, oy!*
*Oy, oy, tsuker-zis*
*Halt mikh bay di hent;*
*S'flekhtn beygelekh di fis,*
*Di neshome brent!*

װען איך נעם אַ ביסעלע יש , אוי אוי
פֿינקלט אַלץ און גלאַנצט !
איך גיב אַ װאָרף די פוסטע פֿלאַש, אוי אוי,
און מיר גיי אַ טאַנץ
און מיר גיי אַ טאַנץ, אוי
אוי, אוי צוקער-זיס,
האַלט מיך בײַ די הענט
ס'פֿלעכטן בייגעלעך די פֿיס
די נשמה ברענט

*Vos mir shviger, ver mir vayb, oy-oy,*
*Veys ikh zey di shlek,*
*Veys ikh zey di shlek!*
*Mitn ershtn kelishik vayn, oy-oy,*
*Shvimen zey avek,*
*Shvimen zey avek!*
*Oy, oy, tsuker-zis,*
*Brider, kumt in kon,*
*Lomir vayzn vild un vist*
*Vos a kabtsn kon!*

װאָס מיר שװיגער, װער מיר װײַב, אוי אוי
װייס איך זיי די שלעק,
װייס איך זיי די שלעק.
מיטן ערשטן קעלישעק װײַן אוי אוי
שװימען זיי אַװעק
שװימען זיי אַװעק
אוי אוי צוקער- זיס
ברידער קומט אין קאָן
לאָמיר װײַזן װילד און װיסט
װאָס א קבצן קאָן

*Vos mir dayges, ver mir zorg, oy-oy,*
*Shtrof nit far di reyd,*
*Shtrof nit far di reyd!*
*Gib mir, gotenyu, oyf borg, oy-oy.*
*Khotsh a tropn freyd,*
*Khotsh a tropn freyd, oy!*
*Oy, tate, tsuker-zis,*
*S'redele zikh dreyt,*
*S'kostn tsores halb umzist,*
*Shpringt tsehitsterheyt!*

װאָס מיר דאגות, װער מיר זאָרג אוי אוי
שטראָף ניט פֿאַר די רייד !
גיב מיר גאָטעניו אויף באָרג אוי אוי
כאָטש אַ טראָפן פֿרייד
כאָטש אַ טראָפן פֿריי אוי!
אוי טאַטע צוקער-זיס
ס 'רעדעלע זיך דרייט
סקאָסט צרות האַלב אומזיסט,
שפרינגט צעהיצטערהייט.

ווען איך נעם אַ ביסעלע יש, אוי אוי,
בין איך גאָרניט דער,
בין איך גאָרניט דער.
כ' גיב אַ וואָרף די פּוסטע פֿלאַש, אוי אוי
און מיר גיי אַ שער, און מיר גיי אַ שער,
אוי אוי צוקער-זיס ,
האַלט מיך ביַי די הענט.
ס פֿלעכטן בייגעלעך די פֿיס,
די נשמה ברענט.

*Ven ikh nem a bisele yash, oy-oy,*
*Bin ikh gornit der!*
*Bin ikh gornit der!*
*Kh'gib a vorf di puste flash, oy-oy,*
*Un mir gey a sher, Un mir gey a sher!*
*Oy, oy, tsuker-zis*
*Halt mikh bay di hent.*
*S'flekhtn beygelekh di fis,*
*Di neshome brent! (bis)*